NYC
Charter Revision Commission

**<u>אנבאט פון פראגעס</u>**

**2025 ניו יארק סיטי טשארטער רעוויזיע קאמיסיע**

**פראגע 2**

<u>אנבאט פון טשארטער פאררעכטונג: שנעלע טרעק עפארדעבל האוזינג צו בויען מער עפארדעבל האוזינג איבער'ן שטאט</u>

שנעלע טרעק פובליק פינאנצירטע עפארדעבל האוזינג. שנעלע טרעק אפליקאציעס וואס שטעלן צו עפאָרדעבל האוזינג אין די קאמיוניטי דיסטריקטן וואס פראדוצירן די ווינציגסטע עפארדעבל האוזינג, מיט באדייטנדע ווינציגער צייט פון איבערקוקן. אנהאלטן די קאמיוניטי באָרד איבערקוק.

"יא" שנעלע טרעק אפליקאציעס ביים בארד פון סטאנדארטן און אפיעלס אדער ביים שטאט פלאנירונג קאמיסיע. "ניין" לאזט די עפארדעבל האוזינג טעמע אונטער א לענגערע איבערקוק און צו ווערן לעצט באשלאסן ביי די שטאט ראט.

**פראגע 3**

<u>אנבאט פון טשארטער פאררעכטונג: מאכן איינפאך דאס איבערקוקן פראיעקטן פון באשיידענע האוזינג און אינפראסטראקטור</u>

מאכן איינפאך איבערצוקוקן א קליינע צאל פון נאך האוזינג און קליינע אינפראסטראקטור פראיעקטן, פארקירצט באדייטנד די צייט פון איבערקוקן. אנהאלטן די קאמיוניטי בארד איבערקוק, מיט א לעצטע באשליסונג דורך די שטאט פלאנירונג קאמיסיע.

"יא" מאכט איינפאך איבערצוקוקן פאר ענדערונגען פון באגרעניצטע לאנד-באנוץ, דאס נעמט אריין באשיידענע האוזינג און קליינע אינפראסטראקטור פראיעקטן. "ניין" לאזט די ענדערונגען אונטער א לענגערע איבערקוק, און צו ווערן לעצט באשלאסן ביי די שטאט ראט.

**פראגע 4**

<u>אנבאט פון טשארטער פאררעכטונג: אויפשטעלן אן עפארדעבל האוזינג אפיעלס בארד מיט פארטרעטונג פון די ראט, דער שטאטטייל, און די שטאט</u>

אויפשטעלן אן עפארדעבל האוזינג אפיעלס באָרד מיטן ראט'ס ספיקער, ארטיגער שטאטטייל פרעזידענט, און דער מעיאר איבערצוקוקן די שריט פונעם ראט וואס זאגן אפ אדער ענדערן אפליקאציעס וואס שאפן עפארדעבל האוזינג.

"יא" שאפט די דריי-מיטגלידער עפארדעבל האוזינג אפיעלס באָרד אפצושפיגלען די פערספעקטיוועס פון די ראט, דער שטאטטייל און די שטאט. "ניין" לאזט די עפארדעבל האוזינג אונטער דעם מעיאר'ס וועטאו און צו ווערן לעצט באשלאסן ביי די שטאט ראט.

**פראגע 5**

<u>אנבאט פון טשארטער פאררעכטונג: שאפן א דיגיטאלע שטאט מאפע צו מאדערניזירן די שטאט אפעראציעס</u>

דאס פאראייניגן די שטאטטייל מאפע אפיס מיט די אדרעס באשטימונג פונקציעס, און דאס שאפן איין דיגיטאלע שטאט מאפע ביים דעפארטמענט פון שטאט פלאנירונג. ווען היינט, באשטייט די שטאט מאפע פון פאפירענע מאפעס אין פינף אפיסעס.

"יא" שאפט א פאראייניגטע, דיגיטאלע שטאט מאפע. "ניין" לאזט אויפ'ן פלאץ פינף באזונדערע מאפע און אדרעס באשטימונג פונקציעס, וואס ווערן געפירט דורך די שטאטטייל פרעזידענט אפיסעס.

**פראגע 6**

<u>אנבאט פון טשארטער פאררעכטונג: אריבערפירן די ארטיגע וואלן צו די פרעזידענשעל וואלן יאר צו פארגרעסערן אנטיילנעמונג אין די וואלן</u>

אריבערפירן די שטאט'ס הויפט און אלגעמיינע וואלן דאטום'ס כדי די שטאט וואלן זאלן פארקומען אין די זעלבע יאר ווי די פעדעראלע פרעזידענשעל וואלן, ווען די לאנד'ס געזעץ ערלויבט דאס.

"יא" פירט אריבער די שטאט וואלן צו די זעלבע יאר ווי די פעדעראלע פרעזידענשעל וואלן, ווען עס איז ערלויבט דורך די לאנד'ס געזעץ. "ניין" די געזעצן בלייבן אן ענדערונג.

## **<u>בעלאט פראגע 2</u>**

## **<u>אנבאט פון טשארטער פאררעכטונג: שנעלע טרעק עפארדעבל האוזינג צו בויען מער עפארדעבל האוזינג איבער'ן שטאט</u>**


**<u>אבסטראקט</u>**

דער אָנבאָט וועט שאפן צוויי נייע שנעלע-טרעק פובליק פראצעדורן פאר עפארדעבל האוזינג: די באָרד פון סטאנדארטן און אפיעלס (BSA) זאונינג אקציע פאר עפארדעבל האוזינג פראיעקטן און די עפארדעבל האוזינג שנעלע טרעק.

ערשטנס, וועט דער אנבאט ערמעגליכן עפנטליכע פינאנצירטע עפארדעבל האוזינג פאר די וואס זענען באשטעטיגט דורך די BSA נאכ'ן ווערן איבערגעקוקט דורך די רעלעוואנטע קאמיוניטי בארד, די BSA וועט זיין פארלאנגט צו מאכן געפינסן אנבאלאנגט די כאראקטער פונעם געגנט און פראגראמאטישע נויטווענדיגקייט.

צווייטנס, וועט דער פאררעכטונג באשטימען א פארשנעלערטע פראצעדור פון איבערקוקן לאנד באנוץ – וואס וועט געהאלטן ווערן דורך די רעלעוואנטע קאמיוניטי בארד, באראו פרעזידענט, און די שטאט פלאנירונג קאמיסיע - פאר זאונינג ענדערונגען וואס שטעלן צו עפארדעבל האוזינג אין די 12 קאמיוניטי דיסטריקטן וועלכע פראדוצירן עפארדעבל האוזינג מיט די נידעריגסטע ראטע.

***BSA זאונינג שריט פאר עפארדעבל האוזינג פראיעקטן***

**ווי עס ארבעט:** אצינד, האט די BSA דאס מאכט צו פארגעבן זאונינג פאדערונגען צו העלפן ענטוויקלען געוויסע עפארדעבל האוזינג, אבער די אויטאריטעט איז באגרעניצט צו פראיעקטן וואס קענען נאכקומען שטרענגע סטאנדארטן וואס בארירן שווערקייטן, אייגנארטיגקייט און עקאנאמישע אומלוינבארקייט. פראיעקטן וואס קענען נישט נאכקומען די סטאנדארטן מוזן דורכגיין די יוניפארם לאנד באנוץ פראצעדור פון ווערן איבערגעקוקט (Uniform Land Use Review Procedure, ULURP) – א זיבן-מאנאט פראצעדור פון איבערקוקן וועלכע הייבט זיך אן מיט באראטונגס מיינונגען פון די רעלעוואנטע קאמיוניטי בארד און דער באראו פרעזידענט, דערנאך דארף די שטאט פלאנירונג קאמיסיע און די שטאט ראט עס איבערקוקן און שטימען דערויף.

דער אנבאט וועט באפולמאכטיגן די BSA ארויסצוגעבן פראיעקט-ספעציפישע באשטעטיגונגען פאר פובליק פינאנצירטע עפארדעבל האוזינג וועלכע קומען נאך די פארלאנגטע געפינסן נאך א 60-טעג איבערקוק דורך די רעלעוואנטע קאמיוניטי בארד און א 30-טעג איבערקוק מיט א פובליק פארהער געהאלטן דורך די BSA. פראיעקטן וואס קומען נישט נאך די געפינסן קענען באקומען איין 60-טעג פארלענגערונג פאר נאך שטודיעס אדער פראיעקט מאדיפיקאציעס צו זוכן באשטעטיגונג ביי א צווייטער פארהער.

**וועלכע סאָרטן האוזינג זענען בארעכטיגט:** די נייע אקט וועט זיין אפן צו פירמעס וואס זענען בלויז געאייגנט צו ענטוויקלען האוזינג פראיעקטן פאר מענטשן מיט ווינציג איינקונפט, אריינגערעכנט האוזינג ענטוויקלונג פאנד פירמעס – די לעגאלע פארמיטל פאר כמעט אלע פובליק פינאנצירטע עפארדעבל האוזינג פראיעקטן אין ניו יארק סיטי.

**וועלכע פאקטארן מוז די באָרד פון סטאנדארטן און אפיעלס נעמען אין באטראכט:** כדי צו באשטעטיגן עפארדעבל האוזינג אין איינקלאנג צו די שנעלע-טרעק פראצעדור, פאדערט זיך פון די BSA צו מאכן געפינסן אנבאלאנגט דעם כאראקטער פון דעם געגנט און די פראגראמאטישע נויטווענדיגקייט. די ערשטע געפינס קומט פארזיכערן אז דער פראיעקט איז פאסיג צום כאראקטער פון דעם געגנט. די צווייטע געפינס שטעלט אוועק אז א פראיעקט פאדערט זאונינג וועיווערס כדי צו קענען פארזעצן און אז די שטאט אדער אן אנדער רעגירונגס איינהייט פלאנט צוצושטעלן פינאנציעלע שטיצע.

*עפארדעבל האוזינג שנעלע-טרעק*

**ווי עס ארבעט:** עפארדעבל האוזינג ווערט היינט פראדוצירט אום-אייניג איבער'ן שטאט, ווען 12 קאמיוניטי דיסטריקטן געבן צו אזויפיל האוזינג וויפיל די אנדערע 47 ציילן זיך איבער די לעצטע 10 יאר. כדי דאס צו באהאנדלען, שאפט די עפארדעבל האוזינג שנעלע-טרעק אנבאט א פארשנעלערטע באשטעטיגונג פראצעדור פאר פראיעקטן וואס שטעלן צו עפארדעבל האוזינג אין די קאמיוניטי דיסטריקטן וואס פראדוצירן די ווינציגסטע צאל עפארדעבל האוזינג. אין ראם פון דער אנבאט, וועט די שטאט אפשאצן די צאל פראדוקציע פון עפארדעבל האוזינג אין יעדע קאמיוניטי דיסטריקט יעדע פינף יאר, און דאן אנפירן די שנעלע-טרעק פאר די פראיעקטן פון פערמענענט עפארדעבל האוזינג מיט די נידעריגסטע ראטעס אינערהאלב די 12 קאמיוניטי דיסטריקטן.

די 12 קאמיוניטי דיסטריקטן וועט מען רעכענען דורכ'ן מעסטן דעם סך-הכל צאל פון עפארדעבל דירות געשאפן אין פארלויף פון די לעצטע פינף יאר, צעטיילט אין די צאל דירות ביים אנהויב פון די פינף יאר צייט אפשניט. די פארמול מעסט וויפיל עס איז געוואקסן עפארדעבל האוזינג. די צוועלף קאמיוניטי דיסטריקטן וועלן באשטימט ווערן דורך די שטאט פלאנירונג דעפארטמענט יעדע פינף יאר.

**וועלכע סארט אפליקאציעס זענען בארעכטיגט:** צו זיין בארעכטיגט פאר די שנעלע-טרעק פראצעדור, מוז אן אפליקאציע האבן פערמענענט עפארדעבל האוזינג אינעם ראם פון די שטאט'ס מאנדאטארישע איינשליסנדע האוזינג פראגראם און מוז זיך געפינען אין איינס פון די צוועלף קאמיוניטי דיסטריקטן און פראדוצירן די נידעריגסטע ראטע פון עפארדעבל האוזינג. די דעפארטמענט פון שטאט פלאנירונג וועט ווערן געבעטן צו באשטעטיגן אז א הויפט ציל פון די אפליקאציע איז צו ערמעגליכן מער האוזינג און עפארדעבל האוזינג.

**וואס איז די נייע פראצעדור פאר'ן איבערקוקן די עפארדעבל האוזינג ריזאונינג אפליקאציעס?**

אצינד, ריזאונינג אפליקאציעס גייען געווענליך דורך ULURP – א זיבן-מאנאטיגע פראצעדור פון איבערקוקן וואס הייבט זיך אן מיט נאכפאלגנדע באראטונגס מיינונגען פון די רעלעוואנטע קאמיוניטי בארד און דער בארא פרעזידענט, דערנאך דארף די שטאט פלאנירונג קאמיסיע און די שטאט ראט עס איבערקוקן און שטימען דערויף.

דער אנבאט פון פאררעכטונג וועט האלטן די זעלבע געלעגנהייט פאר א קאמיוניטי בארד איבערקוק ווי עס עקזיסטירט היינט צו טאג, אבער מיט א גלייכצייטיגע איבערקוק פונעם בארא פרעזידענט. די שטאט פלאנירונג קאמיסיע וועט האבן 30 טעג צו איבערקוקן – אדער 45 טעג פאר אפליקאציעס וואס פאדערן א מער פולשטענדיגע איבערקוק – און מאכן שטימען צום לעצט. (דער עלעמענט פון דער אנבאט וועט ווערן גילטיג אויב די בעלאט פראגע ווערט באשטעטיגט, אפגעזען אויב בעלאט פראגע 3, וועלכע טוט אויך אנבאטן א שנעלע פראצעדור איבערצוקוקן לאנד באנוץ, ווערט באשטעטיגט.)

ביים באשליסן צו באשטעטיגן אזא ריזאונינג אפליקאציע, וועט די שטאט פלאנירונג קאמיסיע ווערן געבעטן צו מאכן געפינסן איבער די מעגליכקייטן פון די עקזיסטירנדע טראנספארטאציע, קאנאליזאציע און אנדערע אינפראסטראקטור, ווי אויך מיטהאלטונג מיט די שטאט'ס יושר'דיגע האוזינג פלאן (די טשארטער פאדערט שוין פון די שטאט צו ענטוויקלען אזא פלאן צו אנאליזירן די שטאטישע דאטא אנבאלאנגט יושר'דיגע האוזינג).

דער אנבאט וועט אויך פאדערן פון די שטאט פלאנירונג דעפארטמענט און די אפיס פון מענעדזשמענט און בודזשעט צו באטראכטן די ליסטע פון די 12 קאמיוניטי דיסטריקטן וואס פראדוצירן די ווינציגסטע עפארדעבל האוזינג און די יושר'דיגע האוזינג פלאן אין צוגרייטונג פאר די שטאט'ס ערשטיגע 10-יעריגע קאפיטאל סטראטעגיע.

**איינפירונג:** דער אנבאט פון פאררעכטונג וועט ווערן זאפארט גילטיג.

## <u>בעלאט פראגע 3</u>

## <u>אנבאט פון טשארטער פאררעכטונג: מאכן איינפאך דאס איבערקוקן פראיעקטן פון באשיידענע האוזינג און אינפראסטראקטור</u>


### <u>אבסטראקט</u>

דער אָנבאָט וועט פארשנעלערן דעם פראצעדור פון איבערקוקן לאנד באנוץ (Expedited Land Use Review Procedure, ELURP) פאר געוויסע ענדערונגען און פראיעקטן פון לאנד באנוץ, דאס רעכנט אריין א באגרעניצטע מאס פון מער דירות; אפקויפן, דיספאזיציעס, רעאליזירן און געוויסע שטאט מאפע ענדערונגען וואס זענען פארבינדן צו עפארדעבל האוזינג; און פראיעקטן פון אינפראסטראקטור און באפעסטיגונג, אזוי ווי העכערן די גאס פלאך און צוגעבן סאלארישע פאנעלן אויף אפענע באדנס.

**ווי עס ארבעט:** אצינד, מוזן אפליקאציעס פאר ריזאונינג און אנדערע לאנד באנוץ שריט, אפגעזען זייער מאס, דורכגיין די פראצעדור פון די שטאט'ס יוניפארם לאנד באנוץ איבערזיכט (Uniform Land Use Review Procedure, ULURP) – א זיבן-מאנאטיגע איבערזיכט פראצעדור וואס הייבט זיך אן מיט באראטונג און מיינונגען פון די רעלעוואנטע קאמיוניטי באורד און בארא פרעזידענט, און דערנאך אן איבערקוק און שטימען ביי די שטאט פלאנירונג קאמיסיע און די שטאט ראט.

דער אנבאט וועט שאפן אן אלטערנאטיווע פראצעדור פאר געוויסע ריזאונינג אפליקאציעס און אנדערע לאנד-באנוץ שריט. דער נייער פראצעדור וועט האלטן די זעלבע 60-טעג צייט אפשניט פאר די קאמיוניטי באורדס צו איבערקוקן און א פובליק פארהער, מיט א גלייכצייטיגע באראו פרעזידענט איבערקוק. די שטאט פלאנירונג קאמיסיע וועט דאן האבן 30 טעג צו האלטן א פובליק פארהער און שטימען אויף די אפליקאציע. די שטאט פלאנירונג'ס באשלוס וועט דאן זיין דאס לעצטע, אן צו ווערן דערנאך איבערגעקוקט דורך די שטאט ראט.

פאר דיספאזיציעס פון שטאטישע לאנד צו האוזינג ענטוויקלונג פאנד פירמעס – די איינהייט פאר כמעט אלע פובליק פינאנצירטע עפאָרדעבל האוזינג פראיעקטן אין ניו יארק סיטי –די ענדגילטיגע באשטעטיגונג וועט מאכן די שטאט ראט אנשטאט די שטאט פלאנירונג קאמיסיע.

**וועלכע סארט פראיעקטן זענען בארעכטיגט פאר די פארשנעלערטע פראצעדור?** די פארשנעלערטע פראצעדור פון איבערקוקן איז בלויז געאייגנט פאר ספעציפישע זאונינג ענדערונגען פאר האוזינג (ריזאונינג פאר דיסטריקטן מיט א סטאנדארטישע הויך פון נישט מער ווי 45 פוס אין קלענערע-ענגשאפט געגנטן און ווערט גרעסער אין האוזינג אויפנאמע ביז 30% אין געגנטן פון מיטלמאסיגע ביז הויכע ענגשאפט); דיספאזיציעס, אפקויפן און געוויסע שטאט מאפע ענדערונגען פאר עפארדעבל האוזינג; אפקויפן און אויסקלייבן פלעצער פאר שטאנדהאפטיגע פראיעקטן און ליידיגע באדנס; דאס פארקויפן שטאט

פראפערטי וואס איז אומענטוויקלט און אומנוצבאר; אפקויפן פאר פריי-וויליגע פארפלייצונג אויספארקויפן; און ליעסעס פאר סאלארישע ענערגיע אויף פובליק באדן.

בלויז פראיעקטן וואס האבן אינגאנצן נישט באדייטנדע שעדליכע פאטענציעל אויף געגנטן זענען בארעכטיגט צו די פארשנעלערטע פראצעדור וואס איז באשריבן אין די בעלאט פראגע. אויב א פראיעקט, צוליב זיין מאס אדער אייגנשאפט פאדערט א דערקלערונג אויף אומגעגנט באווירקונג לויט די סטעיט און שטאט געזעץ, וועט עס בלייבן אונטער די אייניגע לאנד באנוץ איבערזיכט פראצעדור כדי צו באקומען א מער פולשטענדיגע פובליק און אומגעגנט איבערקוק.

**איינפירונג:** דער אנבאט פון פאררעכטונג וועט ווערן זאפארט גילטיג. אבער, עס וועט נישט אנגיין פאר אפליקאציעס וואס מען האט אריינגעגעבן צום דעפארטמענט פון שטאט פלאנירונג אין איינקלאנג מיט די אייניגע לאנד באנוץ איבערזיכט פראצעדור און זענען באשטעטיגט געווארן אלס פולקאם איידער דער דאטום איז אריין אין קראפט.

**בעלאט פראגע 4**

**אנבאט פון טשארטער פארבעסערונג: אויפשטעלן אן עפארדעבל האוזינג אפיעלס באַרד מיטן ראט, באראו, און פארטרעטונג פון איבערן שטאט**


**אבסטראקט**

דער אנבאט וועט שאפן אן עפארדעבל האוזינג אפיעלס באַרד, וואס באשטייט פון די רעלעוואנטע באראו פרעזידענט, דער ספיקער פון די שטאט ראט, און דער מעיאר. די נייע אפיעלס באַרד וועט זיין באפולמאכטיגט איבערצוקוקן און ענדערן שטאט ראט באשלוסן וואס זענען קעגן אדער מאדיפיצירן לאנד-באנוץ אפליקאציעס וואס העלפן דירעקט דאס שאפן עפארדעבל האוזינג. די אפיעלס באַרד וועט דינען אנשטאט די עקזיסטירנדע וועטאו פון דעם מעיאר, און דאס אנולירן פון דעם וועטאו פון די ראט, פאר די סארטן אפליקאציעס פון לאנד-באנוץ.

די נייע אפיעלס באַרד צילט צו באלאנסירן צווישן די ארטיגע, די באראו'ס און די שטאטישע אויסקוק אויפ'ן פראדוצירן עפארדעבל האוזינג. עס טוט דאס דורכ'ן באפולמאכטיגן דעם ספיקער, דער פרעזידענט פון די רעלעוואנטע באראו און דער מעיאר איבערצוקוקן און ענדערן שטאט ראט באשלוסן אויף ענינים פוון באדן וועלכע באווירקן דאס ענטוויקלונג פון עפארדעבל האוזינג – אבער בלויז אויב צוויי פון דריי מיטגלידער זענען איינשטימיג.

**ווי עס ארבעט:** אצינד, מוזן געוויסע לאנד באנוץ שריט, אריינגערעכנט ריזאונינג אפליקאציעס, ספעציעלע ערלויבענישן און אנדערע, דורכגיין די שטאט'ס יוניפארם לאנד באנוץ פראצעדור פון איבערקוקן (Uniform Land Use Review Procedure, ULURP) – א זיבן-מאנאטיגע פראצעדור וואס הייבט זיך אן מיט בעראטונג און מיינונגען פון די רעלעוואנטע קאמיוניטי באַרד און באראו פרעזידענט, און דערנאך אן איבערקוק און שטימען ביי די שטאט פלאנירונג קאמיסיע און די שטאט ראט. דער מעיאר קען לייגן וועטאו אויפ'ן ראט'ס שריט, און דער ראט קען בייקומען דעם וועטאו.

אונטער דער אנבאט, וועט די באַרד פון עפארדעבל האוזינג אפיעלס זיין באפולמאכטיגט צו איבערקוקן און ענדערן שריט פון די שטאט ראט וואס זענען קעגן אדער טוען מאדיפיצירן אפליקאציעס וואס העלפן דירעקט צו ענטוויקלען עפארדעבל האוזינג. בשעת א גרויסער טייל פון ULURP – פון די קאמיוניטי באַרד ביז די שטאט ראט – וועט בלייבן אומבארירט, וועט די אפיעלס באַרד זיין באפולמאכטיגט דורכצופירן אן ענדגילטיגע איבערקוק אויף די לאנד-באנוץ אפליקאציעס. לאנד-באנוץ אפליקאציעס וואס בארירן נישט די ענטוויקלונג פון עפארדעבל האוזינג זענען נישט אונטער די אפיעלס באַרד.

די אפיעלס באַרד וועט באשטיין פון דריי מיטגלידער: דער ספיקער פונעם ראט, דער פרעזידענט פון די רעלעוואנטע באראו, און דער מעיאר (אדער א פארשטייער פון יעדער מיטגליד). אויב כאטש צוויי פון די דריי מיטגלידער זענען איינשטימיג, וועט די באַרד

האבן די מאכט צו אנולירן א קעגנשטימונג אדער מאדיפיקאציע פונעם ראט פון א לאנד-באנוץ אפליקאציע וועלכע העלפט דירעקט צו ענטוויקלען נאך עפארדעבל האוזינג.

**וועלכע לאנד-באנוץ שריט וועט זיין אונטער די עפארדעבל האוזינג אפיעלס באָרד?** די עפאָרדעבל האוזינג אפיעלס באָרד וועט זיין טעטיג בלויז פאר ULURP אפליקאציעס און זאונינג טעקסט פארעכטונגען וועלכע העלפן דירעקט צו שאפן עפארדעבל האוזינג. אריינעמיג ריזאונינג אפליקאציעס וועלכע ווערן געפאדערט כדי צוצושטעלן עפארדעבל האוזינג אינעם ראם פון די שטאט'ס מאנדאטארישע איינשליסנדע האוזינג פראגראם, ווי אויך פארבינדענע שריט וואס העלפן דירעקט צו שאפן עפארדעבל האוזינג, אזויווי ספעציעלע פארקינג ערלויבענישן וואס פארמינערן אדער נעמען אוועק פארקינג אינדרויסן-פון-גאס פאדערונגען וואס קענען שטערן דאס ענטוויקלען עפארדעבל האוזינג. צו דערצו, מעג די אפיעלס באָרד בלויז איבערקוקן אפליקאציעס וואו די באדן אין די אפליקאציע געפינט זיך אין איין באראו, ענדערונגען וואס באווירקן נישט עפארדעבל האוזינג אדער באווירקן מער ווי איין באראו, אריינעמיג ענדערונגען איבער'ן שטאט, וועלן ווייטער ווערן איבערגעקוקט אזויווי ביז אהער.

**ווען קען די עפארדעבל האוזינג אפיעלס באָרד זיין אקטיוו?** בלויז אפליקאציעס וואס העלפן צו שאפן עפארדעבל האוזינג וואס זענען אומבאשטעטיגט אדער זענען באשטעטיגט אבער מיט מאדיפיקאציעס האבן דאס רעכט צו ווערן איבערגעקוקט דורך די עפארדעבל האוזינג אפיעלס באָרד. אויב אן אפליקאציע ווערט באשטעטיגט דורך די ראט אן צו מאכן דערויף מאדיפיקאציעס, האט נישט די באָרד יוריסדיקציע צו איבערקוקן אן אפליקאציע. צו דערצו, וועט קיין לאנד-באנוץ שריט נישט גיין אויטאמאטיש צו די אפיעלס באָרד. אנשטאט דעם, מוז אן אפליקאנט אדער אפעלירן דעם באשלוס פונעם ראט אדער די אפיעלס באָרד קען "אפעלירן" – אדער פארלאנגען אן איבערקוק פון – אן אפליקאציע. די אפיעלס באָרד וועט האבן די מאכט צו באשטעטיגן אן אפליקאציע אדער צוריקווייזן איינס אדער מער פון די מאדיפיקאציעס דער ראט האט געמאכט בלויז מיט'ן איינשטימונג פון כאטש צוויי פון די דריי מיטגלידער.

**איינפירונג:** דער אנבאט פן די טשארטער פארעכטונגען אוועקצושטעלן די עפארדעבל האוזינג אפיעלס באָרד וועט ווערן זאפארט גילטיג.

# **בעלאט פראגע 5**

# **אנבאט פון טשארטער פאררעכטונג: שאפן א דיגיטאלע שטאט מאפע צו מאדערניזירן די שטאט אפעראציעס**

## **אבסטראקט**


דער אָנבאָט וועט פאדערן די שטאט זאל פאראייניגן און דיגיטאליזירן די שטאט מאפע. אצינד, באשטימט די טשארטער דאס אנפירן פון די שטאט מאפע, וועלכע באשטייט פון איבער 8,000 פאפירענע מאפעס, פאר פינף באזונדערע בארא פרעזידענט טאפאגראפישע בוראוס. דער אנבאט וועט טוישן די עקזיסטירנדע, פונאנדערגעשפרייטע פאפירענע שטאט מאפע מיט אן איינציגע שטאט מאפע אנגעפירט דורך די דעפארטמענט פון שטאט פלאנירונג (DCP) און וועט אויך צושטעלן א דיגיטאלישע שטאט מאפע. לויט דער אנבאט, וועט די DCP זיין פאראנטווארטליך צו באשטימען אדרעסן.

**וואס איז די שטאט מאפע:** די שטאט מאפע באשטימט די לעגאל-באשטימטע פלעצער פון גאס ליניעס, די ברייט, די נעמען און די לעגאלע גרעידס, ווי אויך די פלעצער פון פארקן און פובליק פלעצער אויף די מאפע. אצינד, באשטייט די שטאט מאפע פון פינף באזונדערע גרופעס, איינס פאר יעדע בארא, סך הכל איבער 8,000 פאפירענע מאפעס. געוויסע האוזינג, אינפראסטראקטור, און אנדערע פראיעקטן דארפן ווערן באשטעטיגט דורך א פובליק יוריסדיקציע ווי זיי זענען פארגעשטעלט אויף די שטאט מאפע איידער זיי קענען גיין ווייטער, דאס איז א פראצעדור וואס קען דויערן מאנאטן אדער יארן ווען עס איז אפהענגיק אין פאפירענע מאפעס.

**ווי עס ארבעט:** דער אנבאט וועט קאנצענטרירן די אדמיניסטראציע פון די שטאט מאפע ביי די DPC און וועט פארפליכטן איין איינציג מאפע וואס דעקט די גאנצע שטאט, אנשטאט פאפירענע מאפעס וואס זענען באגרעניצט צו יעדע בארא. דער אנבאט וועט אויך פאדערן די שטאט מאפע צו זיין דיגיטאליזירט. דאס וועט אויך קאנצענטרירן די אדמיניסטראציע פון באשטימען אדרעסן ביי דעם דעפארטמענט פון שטאט פלאנירונג, אנשטאט צו לאזן דאס אדרעס באשטימונג ביי די פינף בארא פרעזידענט טאפאגראפישע ביוראס.

**איינפירונג:** דער אריבערגאנג פון די אדרעס באשטימונג פון די בארא פרעזידענט טאפאגראפישע ביוראס צו די דעפארטמענט פון שטאט פלאנירונג וועט אריינגיין אין קראפט אום יאנואר 1, 2027.

די שטאט מאפע וועט פאראייניגט ווערן צו איין איינציגע דאקומענט ביז יאנואר 1, 2028, אדער ביי א שפעטערע מעגליכע דאטום וועלכע די שטאט פלאנירונג קאמיסיע וועט באשטימען.

די שטאט מאפע וועט ווערן דיגיטאליזירט ביז יאנואר 1, 2029, אדער ביי א שפעטערע מעגליכע דאטום וועלכע די שטאט פלאנירונג קאמיסיע וועט באשטימען.

# **בעלאט פראגע 6**

## **אנבאט פון טשארטער פאררעכטונג: אריבערפירן די ארטיגע וואלן צום יאר פון פרעזידענשעל וואלן צו פארגרעסערן אנטיילנעמונג אין די וואלן**


### **אבסטראקט**

דער אָנבאָט וועט טוישן די צייטן פון די וואלן וואס ווערן געהאלטן פאר די פאזיציעס פון דעם מעיאר, דער פובליק אדוואקאט, דער קאמפטראלער, דער באראו פרעזידענט און די מיטגלידער פון די שטאט ראט צו אריבערפירן די שטאט'ס הויפט און אלגעמיינע וואלן דאטום'ס צו גראדע-נומערישע יארן, נאך א ענדערונג אינעם שטאט געזעץ.

**ווי עס ארבעט:** אצינד, ווערן די וואלן פאר די שטאט אפיס געהאלטן אין אומגראדע-נומערישע יארן. דער אנבאט וועט ערמעגליכן וואלן אין גראדע-נומערישע יארן וואס טרעפן זיך אן מיט די פעדעראלע פרעזידענשעל וואלן. עס פאדערט זיך א טשארטער פאררעכטונג כדי צו אריבערפירן דעם קאלענדאר פון די וואלן צו גראדע יארן און צו ערמעגליכן אן איינמאליגע איבערגאנג אין וועלכע געוועלטע באאמטע דינען א טערמין פון דריי יאר (אנשטאט די געווענליכע פיר יאר). א טויש צום שטאט געזעץ, וואס וועט פאדערן פון אלע שטאט באאמטע צו ווערן אויסגעוועלט אין אומגראדע-נומערישע יארן, איז אויך נויטיג איידער ניו יארק סיטי קען אריבערפירן די ארטיגע וואלן צו גראדע יארן. אויב די נויטיגע ענדערונג צום שטאט געזעץ פאסירט, וועלן די וואלן פאר שטאט אפיס פארקומען אין די זעלבע יאר מיט די פעדעראלע וואלן פאר פרעזידענט.

**איינמאליגע איבערגאנג פון וואלן אין אן אומגראדע-יאר צו א גראדע-יאר:** אן איבערגאנג צו גראדע-יאר וואלן פאר פרעזידענט וועט, אויב עס גייט אריין אין קראפט, פאדערן אן איינמאליגע איבערגאנג אין וועלכע די געוועלטע באאמטע וועלן דינען א טערמין פון דריי יארן, אנשטאט די געווענליכע פיר יארן. די צייט פון די איינמאליגע איבערגאנג צירקל וועט זיין אפהענגיק אויף אויב און ווען א שטאט געזעץ ווערט איינגעפירט צו ערלויבן ניו יארק סיטי אריבערצופירן אירע וואלן צו גראדע יארן.

**צוויי-יעריגע קאדענץ פאר מיטגלידער פון ראט:** אצינד, באשטימט די טשארטער א פארקירצטע צוויי-יעריגע טערמין יעדע 20 יאר פאר שטאט ראט מיטגלידער כדי צו קאארדינירן די קאדענצן פאר שטאט ראט נאך א נייעם צעטיילונג פון די דיסטריקטן, וועלכע פאדערט זיך נאך יעדע צען-יעריגע צענזוס. אלס רעזולטאט, יעדע צוויי יארצענדלינג, האלט אן די שטאט וואלן פאר די שטאט ראט אבער נישט פאר די שטאט אדער באורו געוועלטע באאמטע. לויט דער אנגעבאטענער סיסטעם, וועלן די פעריאדישע צוויי-יעריגע טערמינען עלימינירט ווערן אזוי אז ראט מיטגלידער וועלן דינען בלויז פיר-יעריגע טערמינען. אין רעזולטאט, וועלן טיילמאל זיין לענגערע פארשפעטיגונגען אינעם באנוץ פון נייע דיסטריקט ליניעס נאכן צעטיילן פונדאסניי דיסטריקטן פון וויאזוי עס איז

אצינד, אבער דער טויש מאכט זיכער אז די וואלן פאר די שטאט ראט קומען פאר דורכאויס צירקלען מיט די העכערע אנטיילנעמונג וואס איז ערוואָרטעט צו זיין פארבינדן מיט וואלן וואס ווערן געהאלטן אין גראדע-נומערישע יארן.

**איינפירונג:** דער אנבאט וועט ווערן גילטיג אינעם טאג וואס די סטעיט געזעץ וועט אויטאריזירן די שטאט צו האלטן די וואלן פאר סיטי אפיס אין גראדע-נומערישע יארן.